# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

## וישלח

מכון באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:
אימייל: derparshakval@gmail.com
טלפון: 1347-871-8285

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת וישלח


והנה ה' נצב עליו - גלייבן אז אַלעס טוט דער רבונו של עולם .......... א

מעשה אבות - א חלק פון תורה .......... ז

זאגן א גוט ווארט פאר א צווייטען .......... ח

דער כח פון באַגלייטן .......... י

הצילני נא - דער כח פון תפלה .......... י

ויאבק איש עמו – די עבודה פון א איד איז זיך צו ראנגלען .......... יא

עבודה שבלב - מ'דאַרף רייניגן דאָס האַרץ .......... יב

די הילולא פונעם "בת עין" זצ"ל .......... יב

# וישלח

**והנה ה' נצב עליו - גלייבן אז אַלעס טוט דער רבונו של עולם**

**וישלח** יעקב מלאכים לפניו וגו' (לב, ד).

**אויפ'ן** פסוק (כח, יב) ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, יעקב אבינו ע"ה איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע צו גיין קיין חרן. זאָגט דער מדרש (ב"ר פס"ח, א) הה"ד אז תלך לבטח דרכך וגו', איר וועט גיין אויף אייער וועג מיט אַ פאַרזיכערטקייט (משלי ג, כג-כד).

**שרייבט** דער "שפת אמת" (ויצא, שנת תרל"ד) אַז אַפילו ווען יעקב אבינו האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון עשו הרשע, ווי רבקה אמינו האָט געזאָגט פאַר יעקב קום ברח לך, גיי אַנטלויף פון עשיו, און אַזוי אויך שטייט און די הפטורה די פסוק (הושע יב, יג) ויברח יעקב, יעקב איז אַנטלאָפען. ברענגט אַרויס די מדרש אַ לימוד אַז יעקב איז געלאָפן מיט אַ רוהיגקייט, ווייסנדיג אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס. "ויצא יעקב" - יעקב איז אַרויס, און ווייטער אין פסוק שטייט "וילך" - ער איז געגאַנגען רוהיג אויפ'ן וועג, דערפאַר שטעלט די מדרש צו דעם פסוק אז תלך לבטח דרכך, אַז אַפילו ווען ער האָט געדאַרפט אַנטלויפען איז ער געגאַנגען רואיג ווייסנדיג אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען[א].

**מיר** האַלטן שוין ביי די הכנות צום יום טוב חנוכה, ווען מען שפילט מיט'ן דריידעל. דער דריידל איז מרמז, אַז אַלעס דרייט זיך פון אויבן. דער מענטש קען זיין אַ "יחיד מומחה" צו דרייען דאָס דריידל, אָבער צו עס זאָל אַרויסקומען נ', ג' ה' ש' - דאָס וועט נאָר דער באַשעפער מסבב זיין.

**אויף** דעם פסוק ביי דעם ברית בין הבתרים (בראשית טו, יב) "והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו", און אָט איז אַ שטאַרקע טונקעלקייט געפאַלען אויף איהם. זאָגן די חז"ל (ב"ר פמ"ד, יז) "זו יון, שהחשיכה עיניהם של ישראל", דאָס גייט אַרויף אויף גלות יון וואָס זיי האָבן פאַרטונקלט די אויגן פון די אידן. דאָס איז מרמז, אַז די קליפה פון יון איז געווען איינצובאַקן אין אידישע קינדער דעם געדאַנק, אַז אַלעס איז אונטערגעוואָרפן אונטער די טבע.

**אַזוי** שרייבט דער ספה"ק "שפת אמת" בדרך מליצה אויף דעם פסוק (תהלים סט, ג) "טבעתי ביון מצולה" וגו', אַז "יון" האָט געוואָלט אַריינגעבן אין אידן צו גלייען אַז אַלעס איז אינטער די טבע

---

**א.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט דעם משל וואָס דער "בן איש חי" ברענגט אַראָפּ, אַ מענטש האָט געזעהן אין וואַלד אַ בער, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין שטעקן, כאילו ער וויל הרג'ענען דעם בער... און דער בער האָט טאַקע גע'פגר'ט. האָט דער מענטש געקושט דעם שטעקן, מיינענדיג אַז דער שטעקן האָט איהם געראַטעוועט. קומט צו צו איהם אַ מענטש וואָס האָט איהם געזאָגט, "צו מיינסטו, אַז דער שטעקן האָט דיך דען געראַטעוועט?! איך בין געשטאַנען אויבן אויפ'ן שפיץ פונעם בוים, און איך האָב געשאָסן אַ קויל וואָס האָט גע'הרג'עט דעם בער, ווי נעריש ביזטו אַז דו קושט דיין שטעקן!"

זאָגט דער "בן איש חי", אַז דאָס האָט יעקב אבינו ע"ה געזאָגט פאַר יוסף הצדיק ווען ער האָט געבענטשט זיינע קינדער (בראשית מח, כב) "ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי", איך האָב דיר געגעבן דער שטאָט שכם, איבער דעם וואָס איך האָב געגעבן פאַר דיינע ברודער, וואָס איך האָב עס גענומען (דער שטאָט שכם) פון די אמוריים מיט מיין חרב און קשת. טייטש דער תרגום די ווערטער בחרבי ובקשתי: "בצלותי ובבעותי", מיט מיין בעטן און דאַווענען. זיינע קינדער זאָלן נישט מיינען אַז זיי זענען די וואָס האָבן אויסגעהרג'עט שכם מיט זייער מלחמה, נאָר יעקב האָט עס אויפגעטוהן מיט זיינע תפלות.

("טבעתי"). אָבער אידן דאַרפן וויסן, "ונחתם בטבע"ת המלך" (אסתר ג, יב), אַז אויך די טבע ווערט געפירט פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

**דער** "צרור המור" שרייבט (פרשת ואתחנן, דפו"י דף קל"ד): "ואני הצעיר אברהם סבע רוצה לגלות לך בכאן מה שנתגלה לי", איך וויל דיר מגלה זיין וואָס עס איז מיר אַנטפלעקט געוואָרן. חנוכה איז דער איינציגער יום טוב וואָס ווערט אָנגערופן אויפ'ן טאָג פון חודש, כ"ה כסלו (חנו כ"ה). פסח ווערט אָנגערופן נאָך אַ נס "על שום שפסח" (הגדה של פסח) וגו', אַזוי אויך איז פורים "על שם הפור" (אסתר ט, כו), און אַזוי אַלע אַנדערע ימים טובים, נאָר חנוכה ווערט אָנגערופען אויפן טאָג.

**שרייבט** דער "צרור המור", אַז חז"ל זאָגן, אַז די 13 אידן (די חשמונאים, מיט יהודה המכבי בראש) האָבן געפירט מלחמה קעגן ארבעים אלף ראשי גייסות, פערציג טויזענט גענעראַלן פון די יוונים. פאַרשטייט זיך אַז אין אַזאַ שווערע מלחמה האָבן די חשמונאים נישט געקענט לערנען און דאַווענען פאַר דעם אויבערשטען, נאָר איין זאַך האָבן זיי געקענט: זיי האָבן געזאָגט "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". זיי האָבן זיך מתעמק געווען מיט אַ טיפקייט אין די איינציגע אמונה פון די רבש"ע ית"ש, און דאָס האָבן זיי כסדר איבערגעזאָגט. זיי האָבן כסדר געזאָגט "ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר".

**אין** דעם פסוק "שמע ישראל" זענען פאַראַן 25 אותיות, און אין דעם זכות איז געשעהן דער נס. מיט איין קויל וואָס יהודה המכבי האָט אויסגעשאָסן זענען אויסגע'הרג'עט געוואָרן 27,000 ראשי גייסות, און זיין ברודער האָט אויסגע'הרג'עט נאָך 27,000 ראשי גייסות מיט איין קויל. אַלעס דערפאַר ווייל זיי האָבן געלייענט קריאת שמע בכוונה.

**דאָס** איז דער רמז פון "חנוכה - חנו כ"ה". דער נס פון נצחון המלחמה איז געקומען אין זכות פון די כ"ה אותיות וואָס זיי האָבן געלייענט אין דעם פסוק "שמע ישראל", און אויף דעם ווערט אָנגערופען די יו"ט חנוכה[ב].

---

**ב.** כ"ק אדמו"ר בעל "ישועות משה" זצ"ל פון וויזשניץ האָט געזאָגט, הכנ"ה איז בגימטריא מ"ח ל"ב, דער עיקר הכנה צו די מצוה איז צוצוגרייטן דעם קאָפּ און די האַרץ צו די מצוה, זיי אויסצורייניגן פון קליפת יון.

אויף דעם מאַכן מיר די ברכה "להדליק נר", מ'זאָל אָנצינדן דאָס לעמפל, "נר ה' נשמת אדם" (משלי כ, כז).

אַ איד האָט געפרעגט דעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, כט) לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל יהיה שמך, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל, דיין נאָמען וועט מער נישט זיין יעקב, נאָר ישראל, וויבאַלד דו האָסט זיך געראַנגעלט מיט מלאכים און מענטשען און זיי בייגעקומען. זאָגט רש"י, "ועם אנשים, ווער זענען די מענטשען? - לבן ועשו". איז שווער, ממילא לבן, האָט יעקב אבינו שוין געקעמפט מיט איהם און איהם מנצח געווען, אָבער עשו? יעקב איז דאָך נאָך געווען אויפ'ן וועג צו עשו און ער האָט איהם נאָך נישט באַזיגט, און ער האָט נאָך געבעטן (לב, יב) "הצילני נא מיד אחי מיד עשו", טאָ פאַרוואָס שרייבט רש"י "ועם אנשים ותוכל - לבן ועשו"?

האָט דער בריסקער רב געענטפערט, אַז דער שר של עשו האָט געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב אבינו ע"ה: אויב דו האָסט מיך באַזיגט, האָסטו שוין מנצח געווען אויך עשו הרשע, ווייל דער עיקר איז וואָס מען זאָגט אויבן אין הימל.

דעם דאָזיגן תירוץ האָט דער בריסקער רב געזאָגט, ווען עס האָט איהם אַליין אויך אָנגערורט. די מעשה איז געווען, אַז דער בריסקער רב האָט אַ צייט געוואוינט אין ווילנע, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסע דירה, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער, הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל.

**אַזוי** טייטשט הרה"ק רבי אייזיקל מקאמארנא זצ"ל, דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, כה) "ויותר יעקב לבדו, יעקב אבינו איז געבליבן אַליין". שטעלט צו דער מדרש די פּסוק: "ונשגב ה' לבדו, דער רבש"ע וועט בלייבן די איינציגער (לעת"ל)" (ישעי' ב, יא). דאַרף מען פאַרשטיין דעם קשר פון דעם פּסוק "ויותר יעקב לבדו" צו "ונשגב ה' לבדו".

**זאָגט** רבי אייזיקל קאמארנער, עס ווערט געברענגט פון באַרדיטשובער רב זי"ע, ווען אַ טאַטע וויל אויסלערנען זיין קינד ער זאָל נישט מורא האָבן, קליידעט ער זיך אָן מיט אַ קלייד פון אַ בער, כדי דאָס קינד זאָל זיך צוגעוואוינען צו דער געשטאַלט פון אַ בער, וועט ער נישט מורא האָבן פאַר'ן בער. ווען דער טאטע קומט אַרויס אָנגעקליידערט ווי אַ בער, און ברומט זיך אונטער מיט אַ קול פון אַ בער, ווערט דאָך דער קינד דערשראָקען, און הייבט אָן צו פאָרכטען פאַר דער שרעקעדיגע בער. אָבער אויב דאָס קינד איז קלוג, כאַפּט ער באַלד אַז דאָס איז זיין טאַטע, און ער זאָגט איהם: "טאַטי, איך ווייס אַז דו ביזט דאָס, מיין טאַטע...". נו, האָט דאָך נישט קיין זינען פאַר דעם טאַטן צו בלייבן אָנגעטוהן אין די קליידער פונעם בער, און ער טוט אויס די קליידער.

**זאָגט** דער באַרדיטשובער רב, אַז אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט איז דערפאַר ווייל דער טאַטע כביכול, דער באַשעפער ב"ה, פאַרשטעלט זיך אין טבע. אָבער אין דער מינוט ווען מיר ווייסן אַז דאָס איז אונזער גרויסער טאַטע, וואָס פירט אַלעס מיט אַ פונקטליכע השגחה, נאָר ער באַהאַלט זיך אין דער טבע, דעמאָלס ווערט דער הסתר נתגלה.

**פירט** אויס דער קאמארנער, ווי אַזוי האָט יעקב אבינו ע"ה געקענט פירן אַזאַ שווערע מלחמה קעגן אַ מלאך, דעם שר של עשו? אויף דעם ברענגט דער מדרש דעם פּסוק: "ונשגב ה' לבדו" - יעקב אבינו האָט דאָ גאָרנישט געזעהן, נישט קיין הסתר און נישט קיין טבע, נאָר ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ השגחה מדויקת פון דער באַשעפער, און אויף דעם האָט ער זיך פאַרלאָזט, און נאָר אַזוי האָט ער געקענט בייקומען די שווערע מלחמה פון די שר של עשיו.

---

ווען די רוסן זענען אַריינגעקומען אין ווילנע, האָבן זיי מודיע געווען פאַר אַלע מענטשן וואָס האָבן געהאַט גרעסערע וואוינונגען, דאַרפן פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען, און איבערגעבן פאַר די גענעראַלן און מיניסטאָרן פון דער רעגירונג. אַנשטאט דעם, וועט מען זיי געבן קליינע דירה'לעך אינדרויסן פון שטאָט, מיט פאַרהאַקטע פענצטער.

דער מנהג איז געווען, אַז די רוסישע מאַכט האָט צוערשט אויפגעהאַנגען אַ צעטל אויף די טיר, אַז מען דאַרף איבערגעבן די דירה צו אַ באַאַמטן פון דער רעגירונג, און צוגעלייגט, אַז ביים קומענדיגן צעטל, וועט מען דאַרף אויסליידיגן די דירה.

די שטוב-מענטשן פונעם בריסקער רב זענען געווען זייער צערודערט דערפון, אָבער דער בריסקער רב איז געווען רוהיג. ער האָט געזאָגט פאַר די בני בית:

- איך ווער נישט נתפעל פון דעם וואָס די רוסן זאָגן. דער עיקר איז וואָס מ'זאָגט אויבן אין הימל. אויב דער באַשעפער האָט געזאָגט איך זאָל דאָ בלייבן, וועל איך דאָ בלייבן.

צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בריסקער רב האָט נאָך געוואוינט אין יענע דירה אַ לאַנגע צייט. שפּעטער, ווען דער בריסקער רב האָט איבערגעגעבן די דירה פאַר אַ צווייטן איד, האָט יענער באַלד צומאָרגענס באַקומען אַ צעטל, אַז ער דאַרף זאָפאָרט פאַרלאָזן די דירה...

**אַזוי** טייטשט הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע דעם דין פון נרות חנוכה (שבת כא:) "מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק", די שיעור וואָס די חנוכה לעכט דאַרפן ברענען, איז פון ווען די זון גייט אונטער, ביז ווען עס דרייען זיך נישט מער אַרום מענטשן אויפן גאַס. איז שוועד, מיר טרעפן אין די חז"ל אַנדערע שיעורים, "רבי יהודה אומר עד ארבע שעות" (ברכות כו.), "של מוספין כל היום, רבי יהודה אומר עד שבע שעות" (שם כו:), תפלת הערב אין לה קבע (שם עמוד א'), אָדער חצות א.א.וו., אָבער מיר טרעפן נישט קיינמאָל אַ שיעור פון "עד שתכלה רגל מן השוק"? (דער פשוט'ער פשט איז, צוליב פרסומי ניסא).

**זאָגט** הרה"ק רבי משה לייב, דער תכלית פון די חנוכה לעכט איז זיך מתבונן צו זיין אין די גרויסע נסים און הנהגת השי"ת בעולם, דרייצן בחורים האָבן גע'הרג'עט פערציג טויזענט ראשי גייסות, ווייל זיי האָבן געגלייבט באמונה שלימה אין יחודו ואחדותו יתברך, און האָבן נישט געגלייבט אין טבע, נאָר אַז דער אויבערשטער באַהאַלט זיך אין טבע העולם[ג].

**נאָך** אַ נס איז געווען, אַז אַ קליין לעכטל וואָס האָט קוים געקענט ברענען איין נאַכט, האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג. דאָס ווילן די חז"ל מרמז זיין, אַז מיר זאָלן זיך נישט דרייען אַזוי פיל אויף די גאַס צו טוהן השתדלות פאַר פרנסה, "עד שתכלה רגל מן השוק", מען זאָל שוין אויפהערן זיך דרייען אויפן גאַס טוהן אַזויפיל השתדלות, ווייל מען זעהט דאָך פון חנוכה אַז דער רבונו של עולם פירט די וועלט.

**אַוודאי** דאַרפן מיר מאַכן השתדלות, אָבער מען דאַרף געדענקען אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען[ד], ווי דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט אויף די גמרא (עירובין יג:) "כל המחזר אחר גדולה, גדולה בורחת ממנו" (די וועלט זאָגט דאָס לשון "כבוד"). זאָגט דער גאון, אַז דאָס איז נישט נאָר בנוגע כבוד, נאָר גדולה וכבוד וכל דבר גשמי, און אַזוי אויך

---

**ג.** כידוע פון ספה"ק, "הטבע" איז בגימטריא אלהי"ם.

**ד.** הגה"צ רבי ישכר דוב ראָטענבערג זצ"ל אב"ד וואוידיסלוב, האָט דערציילט, אַז ער האָט שפּאַצירט מיט זיין שווער, הרה"ק רבי שלום מאָסקאָוויץ זצ"ל, דער שאָצער רבי זכרונו לברכה, אויף די גאַס אין לאָנדאָן אין צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען עס זענען געפאַלן דייטשע באָמבעס אויף דער שטאָט, און מענטשן פלעגן אויפהענגען שוואַרצע שמאַטעס אויף די פענצטער, כדי מ'זאָל נישט זעהן פונדערווייטענס וואו ס'איז ליכטיג.

האָט דער שאָצער רב געזאָגט פאַר זיין איידעם בדרך משל, ווען אַ מענטש קויפט אַ שמאַטע וואָס איז שוואַרץ, זוכט ער אַ גאָר שוואַרצע שמאַטע, כדי מ'זאָל נישט אַרויסזעהן קיין ליכטיגקייט פון דעם הויז וואָס מ'וויל באַשיצן פון די באָמבע. ווען דער מענטש קומט קויפן אַזאַ שמאַטע, פרעגט איהם דער מוכר, וואָס פאַראַ לאָמפּ ער האָט, ווייל אויב ער האָט אַ שטאַרקן לאָמפּ, דאַרף ער אַ שוואַרצערע שמאַטע, און אויב דער לאָמפּ איז שוואַכער, דאַרף דער קונה נישט האָבן אַזאַ שטאַרק שוואַרצע שמאַטע.

נאָך אַ פראַגע פרעגט דער מוכר: "ווי ווייט איז דער פענצטער פונעם לאָמפּ?", ווייל אויב דער לאָמפּ איז נאָנט צו פענצטער, מוז ער האָבן אַ גאָר שוואַרצע שמאַטע...

האָט דער שאָצער רב אויסגעפירט: אַז דו זעהסט אַ טונקעלע שוואַרצע שמאַטע אויפ'ן פענצטער, זאָלסטו וויסן אַז עס איז אַ שטאַרקער לאָמפּ, און עס איז נאָנט צום פענצטער.

דער נמשל: אַז דער מענטש זעהט אַז ס'איז איהם טונקעל ח"ו, זאָל ער וויסן אַז דאָרט איז באַהאַלטן גאָר אַ גרויסער לאָמפּ, און מען האַלט שוין אָט-אָט-אָט נאָנט צו דער ליכטיגקייט.

געלט. אַז מען לויפט נאָך דאָס געלט, אַנטלויפט דאָס געלט פונעם מענטש[ה].

**זאָגט** דער גאון אַ רמז, די אותיות פאַר דעם וואָרט "כסף", זענען "עני". דאָס איז מרמז, אַז דער וואָס לויפט נאָכ'ן געלט, איז אַן אָרימאַן. דערפאַר זענען די אותיות פאַר "כסף" - "עני".

**מ'קען** זאָגן בדרך מליצה, אויפ'ן פסוק (בראשית כח, יג) "והנה ה' נצב עליו", זענען די טעמים "מונח זרקא, מונח סגול". אַז אַ איד שפירט אַז ער איז פאַרוואָרפן ח"ו ("מונח זרקא" - ער שפירט זיך "פאַר'זרקא'ט"), דאַרף ער אָבער געדענקען: "מונח סגול" - אין יעדן מצב בין איך ווי אַ "סגול", וואָס ווי אַזוי מען דרייט עס אויס, בלייבט עס אַ "סגול", ווי אאַ"ז הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (שמות יט, ה) "והייתם לי סגולה", "סגולה" פון לשון סגול, אַפילו ווען מען דרייט עס איבער, בלייבט עס אַ "סגול". דאָס זעלבע איז מיט די אידן, אפילו ווען ער שפירט זיך פארווארפען צו אין גשמיות אדער אפי' אין רוחניות, דארף מען אבער שטענדיג גלייבן אין זעלבן מצב, און גלייבן אז "והנה ה' נצב עליו" - דער אויבערשטער שטייט איבער איהם, אין יעדן מצב[ו].

---

**ה.** דער "חפץ חיים" זצ"ל איז געווען קעגן פאַרזיכערן זיך מיט אינשורענ"ס (ביטוח) אויף די פאַרמעגענס, זאָגענדיג, "ישראל בטח בה'" (תהלים קטו, ט). אַ איד דאַרף זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען. (מיר לאָזן זיך נישט אַריין אין דעם נושא, ווען יאָ אָדער נישט נעמען פאַרזיכערונג).

אַמאָהל, אין שנת תרס"ג, האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה אין דער שטאָט ראַדין. דאָס פייער האָט פאַרברענט אַ סאַך הייזער רח"ל אָבער די דירה פונעם "חפץ חיים" איז נישט פאַרברענט געוואָרן. האָט די פירמע פון אינשורענ"ס אויסגענוצט דעם מצב, און געשיקט אַגענטן צו אַלע אייגענטימער פון די דירות, אַז מ'זאָל זיך פאַרזיכערן מיט "אינשורענס", ווייל מ'זעהט דאָך שוין ווי וויכטיג עס איז צו פאַרזיכערן די דירות. די אַגענטן זענען געקומען אויך צום הויז פונעם "חפץ חיים", וועלכער איז פונקט דאַן נישט געווען אינדערהיים, און די שטוב-מענטשן האָבן באַשטעלט "אינשורענ"ס. ווען דער "חפץ חיים" איז צוריקגעקומען אַהיים, איז ער געווען שטאַרק אומצופרידן דערפון, ווייל ער האָט דאָך נישט געהאַלטן דערפון.

איין יאָהר שפעטער, שנת תרס"ד, האָט נאָך אַמאָהל אויסגעבראָכן אַ שריפה אין ראַדין, און די דירה פונעם "חפץ חיים" - ווי אויך פון זיינע קינדער - איז פאַרברענט געוואָרן. האָבן די שטוב-מענטשן געזאָגט פאַר'ן "חפץ חיים", אַז עס איז געשעהן אַ נס אין פאָראויס, אַז מען האָט פאַרזיכערט די דירה... האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט:

- אדרבה, אויב מ'וואָלט נישט פאַרזיכערט די דירה מיט אינשורענס, וואָלט דאָ נישט געווען קיין שריפה, והא ראיה, ווייל איר זעהט דאָך אַז פאַר אַ יאָהר איז די דירה נישט פאַרברענט געוואָרן!

**ו.** דער "חרדים" רעכנט אויס אַלס מצות עשה דאוריייתא, אַז דער מענטש דאַרף גלייבן אַז יסורים ח"ו זענען דוגמת אב לבן, גלייבן אז עס ווי אַ דאָקטאָר וואס היילט אויס אַ קינד.

הגאון בעל "משך חכמה" זצ"ל האָט געזאָגט אויף די פסוקים (דברים לא, יז) "ואמר ביום ההוא, הלא על כי אין אלקי בקרבי וגו' ואנכי הסתר אסתיר" וגו', דער מענטש וועט זאָגן, ווייל דער באַשעפער איז נישט מיט מיר, דערפאַר האָבן מיט מיר פאַסירט די אַלע זאַכן, און דאַן וועל איך באַהאַלטן מיין פנים כביכול פון איהם. זאָגט דער "משך חכמה", אַז די כוונה איז נישט אַז עס וועט זיין אַ הסתר פנים ח"ו, נאָר דאָס גייט אַרויף אויף דעם "ואמר ביום ההוא" - ער וועט דיר זאָגן אַז עס איז "ואנכי הסתר אסתיר", אָבער באמת איז דער רבונו של עולם קיינמאָהל נישט מסתיר פנים ח"ו.

עס איז ידוע אַז דער חידושי הרי"ם זצ"ל האָט בחייו פאַרלוירן דרייצן קינדער רח"ל. איינמאָהל ווען

**אויפ'ן** פסוק (לב, כה) "ויאבק איש עמו עד עלות השחר", דער מלאך של עשיו האט זיך געראנגלט מיט יעקב אבינו ביזן עלות השחר, שרייבט דער רשב"ם: "ויאבק, שלא יוכל לברוח, ויראה קיום (הבטחתו) של הקדוש ברוך הוא שלא יזיקהו עשו". ווען יעקב האָט געוואָלט אַנטלויפן פון עשו, האָט דער מלאך איהם צוריקגעהאַלטן פון אַנטלויפן, ווייל ער האָט איהם געוואָלט מרמז זיין, דו האָסט נישט וואָס צו אַנטלויפן, בלייב דאָ, וועסטו זעהן אַז ער קען דיך נישט טשעפּען. אַנטלויף נישט, ער קען דיר נישט טשעפּען, ווייל דער רבונו של עולם האָט דיר צוגעזאָגט אַז ער וועט דיך ראַטעווען פון עשו'ס הענט.

**אַוודאי** האָבן מיר נישט קיין השגות אין יעקב אבינו ע"ה, דער בחיר שבאבות, אָבער דער ריב"א ז"ל, מגדולי הראשונים, שרייבט אויפ'ן פסוק (לב, כה) "ותקע כף ירך יעקב" וגו', אַז כאָטש דער אויבערשטער האָט איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט איהם אָפּהיטן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כח, טו) "והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך", אָבער וויבאַלד יעקב אבינו ע"ה האָט יאָ מורא געהאַט פון עשו, ווי דער פסוק זאָגט (לב, ח) "ויירא יעקב מאד ויצר לו", דערפאַר איז געווען "ותקע כף ירך יעקב", האָט דער מלאך של עשיו געהאַט אַ שליטה און עס האָט זיך אַוועקגערוקט דער דיכט פון יעקב אבינו'.

---

ער האָט זיך געזעצט שבעה נאָך אַ קינד רח"ל האָט די רעביצין געשפּירט אַז עס האָט נישט קיין השפעה אויף איהם, עס איז ביי איהם גלייך ווי עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. האָט זי געפרעגט איר הייליגן מאַן:

- וואָס האָסטו דאָ באַגראָבן, אַ הינדעלע?!

האָט דער "חידושי הרי"ם" איר געענטפערט:

- אַ פּעקל גיט דער רבונו של עולם, עגמת נפש מאַכט מען זיך אַליין!

ווען איינער פון די קאַרלינער חסידים אין ירושלים, הרה"ח ר' בנימין בערנשטיין ז"ל, איז נסתלק געוואָרן יונגערהייט רח"ל, זענען זיין פאָטער, הרה"צ רבי פישל בערשטיין זצ"ל, און די מוטער, געווען זעהר צובראָכן פון דעם פאַרלוסט פון זייער זוהן. ווען מ'האָט דערציילט וועגן דעם פאַר הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד פון קאַרלין, וועלכער איז דעמאָלס געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל, איז דער קאַרלינער געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו רבי פישל'ען אין שטוב, כדי זיי מחזק צו זיין. ער האָט געזאָגט צו רבי פישל און זיין רעביצין:

- **און ווער האָט דאָס אַלעס געטאָן?! דער גוטער טאַטע!** אַ גוטע נאַכט!

שפּעטער האָט רבי פישל געזאָגט, אַז דער רבי האָט אין איהם אַריינגעבלאָזן אַ נייע חיות אויפ'ן גאַנצן לעבן. **"ווער האָט דאָס אַלעס געטאָן?! דער גוטער טאַטע!"**

מ'דערציילט, אַז נאָך די צווייטע וועלט מלחמה האָט די שוועסטער פונעם "חזון איש" זצ"ל זיך אָפּגערעדט פאַר איר גרויסן ברודער, וואו איז די מדת הרחמים פון באַשעפער כביכול? האָט דער "חזון איש" איר געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז דער גרעסטער בעל רחמים איז דער באַשעפער, די פסגה פון מדת הרחמים איז ביי איהם, און מיט די גרעסטע רחמנות האָט ער דאָס געטוהן!

**ז.** דער ריב"א גיט צו, אַז דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט משה רבינו ע"ה, אַז כאָטש דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט (שמות ג, יב) "כי אהי' עמך" איך (כביכול) וועל זיין מיט דיר, פונדעסטוועגן האָט דער מלאך איהם געוואָלט שלעכטס טוהן, ווען ער איז געווען אונטער-וועגנ'ס, ווייל ער האָט מורא געהאַט פון פרעה, זאָגענדיג (שם ד, יג) "שלח נא ביד תשלח", שיק א צווייטער אויסלייזער. אַז דער באַשעפער זאָגט איהם "כי אהי' עמך" - איך וועל זיין מיט דיר, דאַרף ער האָבן בטחון אַז פרעה וועט איהם נישט קענען שלעכטס טוהן, און נאר וויבאלד ער האט נאך מורא געהאט פון פרעה האט די מלאך געהאט א שליטה אויף איהם.

מיר דאַרפן וויסן אַז אין הימל זעהט מען דאָס גוטע פון יעדע זאַך, נאָר דאָ אויף דער וועלט זעהט מען אַמאָל אַ הסתר פנים[ח].

**מעשה אבות - א חלק פון תורה**

**דער** ספר חסידים שרייבט (סימן תתרט"ו) די פאָלגנדע ווערטער: "אין דבר שכתוב בתורה שאין יוצא משם צורך לדורות, שהרי אנו מברכים על קריאת התורה לפניה ואחריה ברוך נותן התורה, ואחר כך קורא אפילו פרשה שאין בה שום מצוה, כגון וישלח יעקב מלאכים לפניו"[ט] (בראשית לב, ד), שבה פרשת אלופי אדום וכו' וכתיב (דברים לב, מז) "כי לא דבר רק הוא מכם". פון יעדע זאַך וואָס שטייט אין דער תורה, גייט אַרויס אַ צורך פאַר שפּעטערדיגע דורות, ווייל מיר זעהען דאָך אַז מען מאַכט אַ ברכה "נותן התורה", אויך ווען מ'איז עולה ביים לייענען פרשיות וואו עס זענען נישטאָ קיין מצוות.

**דער** לימוד דערפון איז, אַז מען דאַרף וויסן ווי אַזוי זיך צו פאַרמעסטן מיט עשו הרשע, מ'גייט אַרויס "לדורון, לתפלה, ולמלחמה", און דאָס לערנט אונז אַ לימוד.

**אַזוי** האָט געזאָגט איינער פון די צדיקים: עס שטייט נישט אין דער תורה וואָס יעקב אבינו האָט געלערנט בבית מדרשם של שם ועבר, אָבער וועגן דעם וואָס ער האָט מיטגעמאַכט פון עשו און לבן שטייען גאַנצע פרשיות, ווייל מיר דאַרפן וויסן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן אין לעבן, צו לעבן ווי אַ איד, מיט אמונה[י].

---

מוח"ז הרה"ק אדמו"ר מזוטשקא זצ"ל פלעגט אַ סאַך מאָהל איבערזאָגן די ווערטער פונעם ריב"א, און עס אַריינטייטשען און פסוק, באמת האָט ער איהם גאָרנישט געקענט טוהן, נאָר פאַרוואָס האָט יאָ פּאַסירט אַ "ותקע כף ירך יעקב", נאָר ווייל עס איז געווען אַ "בהאבקו עמו" - יעקב האָט זיך געראַנגעלט מיט איהם.

**ח.** מענין זה, ווערט געברענגט אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל (בראשית כז, א) "ותכהין עיניו מראות", אַז יצחק אבינו ע"ה איז בלינד געוואָרן פון די טרערן פון די מלאכים בשעת די עקידה. "נפתחו השמים", די הימלען האָבן זיך געעפענט, און די מלאכים האָבן געזעהן, און זיי האָבן געוויינט, און די טרערן זענען געפאַלן אויף יצחק'ס אויגן.

איז שווער, פאַרוואָס האָבן די הימלען זיך געדאַרפט עפענען כדי די מלאכים זאָלן זעהן די עקידה? די מלאכים האָבן דאָך געקענט זעהן אויך אין הימל אַז אברהם גייט שחט'ן יצחק אויף די עקידה?

איז דער תירוץ, ווייל אין הימל וויינט מען נישט... דאָרט זעהט מען אַז אַלעס איז גוט און זיס. אין הימל זעט מען נישט שלעכטס. וועגן דעם האָט זיך געעפענט דער הימל, און די מלאכים האָבן געזעהן די עקידה, ווי שווער דאָס קומט אָן, האָבן זיי געוויינט.

**ט.** לפלא אַז דער ספר חסידים שרייבט "כגון וישלח" וכו', אין פרשת וישלח איז דאָך יאָ דאָ די מצוה פון גיד הנשה, אָבער פרשת ויצא און אויך די פריהערדיגע פרשיות, האָבן נישט קיין מצוה.

**י.** בדרך צחות, אַ איד האָט אַמאָהל פאָהרנדיג אויפ'ן אויטאָבוס, געזאָגט פאַר א צווייטער איד, אַז דער פרעזידענט איז אַ צעדרייטער, און נאָך "טיטלען", און אויף א צווייטער האט ער געזאָגט, יענער איז אַ טיפש, אַן אכזר, וכדומה. האָט דער צווייטער זיך אָנגערופן צו איהם: דער פסוק זאָגט דאָך "לב מלכים ושרים ביד ה'" (ע"ש הכתוב משלי כא, א) "לב מלך ביד ה'". אַלעס איז דאָך פון אויבערשטען. זאָגט ער איהם צוריק: "גוט, איך ווייס וואָס עס שטייט אין פסוק, אָבער איך רעד, אַזוי, אָן דעם פסוק...".

האָט יענער איהם געענטפערט, אַ משל מיט אַ איד וואָס קאָכט אָפּ אַ גוטן טשאָלענט, אָבער אויב ער לייגט אַריין אַ סאַך זאַלץ און פעפער, וואָס מ'קען עס ממש נישט אַריינעמען אין מויל אַריין, ווען ער קומט פרעגן פאַר וועם ס'האָט עס טועם געווען צו עס איז גוט, ענטפערט ער איהם "אַז מען קען עס אין מויל נישט

**עס** ווערט געברענגט, אמנ"ה איז ראשי תיבות ה'צילני נ'א מ'יד א'חי מ'יד.

**זאגן א גוטווארט פאר א צווייטען**

**עס** ווערט געברענגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לה, יז) "ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן". די מילדת האָט געזאָגט צו רחל אמינו, זי זאָל נישט מורא האָבן, ווייל זי ועט דאָ געבוירן אַ יונגעל. פאַרוואָס דערציילט די תורה אַז די מיילדת האָט אַזוי געזאָגט צו רחל אמינו? רחל איז דאָך געווען אַ נביאה, זי האָט אויך געוואוסט אַז דאָ ווערט ביי איר געבוירן אַ זוהן (בנימין), ווי זי האָט געזאָגט נאכן ערשטן קינד (בראשית ל, כד) "יוסף ה' לי בן אחר"?

**נאָר** די תורה הקדושה האָט דאָ געוואָלט מנציח זיין לנצח נצחים, מען זאָל ווסן, אַז עס איז געווען אַ וואוילע מיילדת, וואָס האָט געוואָלט זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אַ צווייטן איד בשעת הצער!

**אויף** דעם איז אויך מרמז דער פסוק (לג, יז) ויעקב נסע סכותה ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות, על כן קרא שם המקום ההוא סוכות. דאָס אָרט איז גערופן געוואָרן "סוכות", ווייל יעקב האָט געמאַכט סוכות פאַר די בהמות. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ער עס נישט גערופן "בית", ווייל ער האָט געבויט פאַר זיך אַ הויז? נאָר דאָס איז מרמז, דער נאָמען פון דער זאך גייט נאר ארויף אויף דעם וואָס מען טוט פאַר יענעם...

---

אַריינגעמען", ווערט יענער זאָגן: דל מהכי, נעם אַרויס די זאַלץ און פעפער, איז עס אַ גוטער טשאָלענט?... דער נמשל איז: אַזאַ פנים האָט עס, ווען דו זאָגסט די זעלבע ווערטער, אָן דעם פסוק "לב מלכים ושרים ביד ה'".

**יא.** דער חפץ חיים זצ"ל האָט דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

ווען דער צאַר ניקאָלאַי ימ"ש האָט מלחמה געהאַלטן איינצונעמען פוילן, האָט איינער פון זיינע מענטשן איהם געוואָלט באַזייטיגן, און געגרינדעט אַ באַוועגונג פון קעמפער, סאָלדאַטן, וואָס זאָלן באַזייטיגן דעם צאַר ניקאָלאַי. די אַרמיי פונעם צאַר האָט געזוכט דעם אָנפירער פונעם אויפשטאַנד, און איהם געוואָלט אַרעסטירן. איז ער אַנטלאָפן, און אַמאָהל זעהענדיג אַז זיינע נאָכלויפער, דעם צאַר'ס סאָלדאַטן, געפינען זיך נישט ווייט פון איהם, איז ער אַראָפגעשפרונגען פון וואָגן, וואָס איז ווייטער געפאָרן (כדי זיי זאָלן מיינען אַז ער פאָרט ווייטער מיט'ן וואָגן. - אַזאַ שפּיל איז גוט פאַר אַ פּאָר מינוט...), און ער האָט אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פון אַ הויז, ביים ערשטן איד. ווען ער האָט איהם דערציילט אַז ער אַנטלויפט פון רוסישן צאַר (אָן דעם וואָס ער זאָל איהם זאָגן וואָס ווען וואו), האָט יענער איהם געזאָגט: "האב רחמנות אויף מיר, דיך ווערט מען כאַפּן און מ'וועט דיך הענגען, און איך וועל בלייבן דער רחמנות...". אַלזאָ, ער האָט איהם נישט אַריינגעלאָזט.

איז ער געלאָפן ווייטער און אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פונעם הויז פון אַ צווייטן איד, וועלכער איז געווען קלוג, און האָט איהם אַריינגענומען, גיבנדיג איהם שנעל אַן עצה, ער זאָל אויסטוהן די זעלנערישע קליידער, און אָנטוהן אידישע קליידער, אַ טלית און תפילין, און זיך שטעלן דאַווענען... אַז זיי וועלן דאָ אַריינקומען זוכן, און וועלן זעהן אַז דו דאַוונסט, וועלן זיי נישט איינפאַלן אַז עס איז א רוסישער סאָלדאַט. יענער האָט איהם געפאָלגט, און עס איז טאַקע אַזוי געווען. די סאָלדאַטן האָבן איהם געזוכט, אָבער ווען זיי זענען אַריינגעקומען און געזעהן ווי אַ מענטש דאַווענט איבערגעדעקט מיט'ן טלית (וואָס ער איז אפשר געווען איבערגעדעקט דערמיט ווי מיר ביי די שמונה עשרה...) האָבן זיי איהם גאָרנישט געטוהן, און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן.

האָט דער "חפץ חיים" דערציילט, אַז ווען יענער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם איד, האָט ער איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהם נאָך באַצאָהלן כגמולו הטוב, פאַר דעם וואָס ער האָט איהם געראַטעוועט דאָס לעבן.

בשעת מעשה, האָט דער איד געטראַכט ביי זיך, וואָס וועט ער מיר קענען אָפּצאָהלן פאַר'ן ראַטעווען זיין לעבן?

לימים, האָט מען אַראָפּגעזעצט דעם צאַר פון בענקל, און דער דערמאנטער גענעראַל ראש הלוחמים קעגן דעם צאַר, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון רוסלאַנד. שפּעטער האָט ער געשיקט אַ דעלעגאַציע צו דעם איד וואָס האָט איהם געראַטעוועט, מיט אַ קאַרטע אַז ער קען אַריינקומען צום פּאַלאַץ פונעם פּרעזידענט, און נאך אַ קאַרטע, צו קענען פאָרן מיט די ערשטע קלאַס אויפ'ן באַן, ממש ווי אַ גביר.

דער איד האָט זיך געוואונדערט וואָס דאָ קומט פאָר, ווייל ער האָט נישט געוואוסט אַז דער ניי באַשטימטער פרעזידענט איז דער יעניגער וועמען ער האָט געראַטעוועט. ער איז אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ מלא פחד, זיינע הענט און פיס האָבן געציטערט, און ווי איבערראַשט איז ער געווען, ווען אַריינקומענדיג, זאָגט איהם דער נשיא:

- איך בין דער וועמענ'ס לעבן דו האָסט דאַן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דערפאַר גיב איך דיר אַ קאַרטע, מיט וועלכן דו קענסט אַריינקומען אין מיין פּאַלאַץ, ווען דו וועסט וועלן אַריינקומען. דאַן גיב איך דיר נאָך אַ קאַרטע, מיט וועלכן דו קענסט אַריינקומען אין מיין פּריוואַטן ביוראָ וואו קיינער קען נישט אַריינקומען. אין דעם ביוראָ קענסטו אַריינקומען ווען דו ווילסט!

דער נשיא האָט איהם אויך געגעבן אַ סך מתנות. דאַן זאָגט ער צום איד:

- דו מיינסט אַוודאי אַז דו האָסט געראַטעוועט איין מענטש? דו האָסט געראַטעוועט אַ גאַנצע מדינה, פון די הענט פונעם צאַר ניקאָלאַי.

דער "חפץ חיים" האָט אויסגעפירט:

- פון די מעשה לערנט מען, אַ מענטש מיינט אַז ער טוט אַ קלייניגקייט, ער האָט יענעם געזאָגט אַ גוט וואָרט, אָדער אַן אַנדערע טובה, דערווייל קומט אַרויס פון דעם אַ תועלת אויף אַ גאַנצע מדינה.

הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל האָט צוגעגעבן צו די מעשה, אַז ווען ער האָט געלערנט אין נאוואַרדאָק, און די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, זענען אַכצן בחורים אַנטלאָפן פון די ישיבה. מ'האָט זיי געכאַפּט ביי די גרעניץ, און מ'האָט זיי געוואָלט הענגען. זיי האָבן זיך געגנויטיגט אין אַ סאַך רחמי שמים.

ווען הגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל האָט געהערט דערפון, האָט ער באַפוילן מ'זאָל שיקן דעם דערמאנטן איד וואָס האָט געראַטעוועט דעם פּרעזידענט, ער זאָל שתדל'ען פאַר די בחורים. דער נשיא האָט טאַקע מבטל געווען די גזירה, און די אַכצן בחורים זענען באַפרייט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

האָט רבי יאַנקעלע גאַלינסקי געזאָגט:

- איך וויל מוסיף זיין עפּעס אויף די ווערטער פונעם נשיא, וועלכער האָט געזאָגט אַז דער איד האָט געראַטעוועט אַ גאַנצע מדינה. ער האָט נישט געראַטעוועט אַ גאַנצע מדינה פון גוים, נאָר ער האָט געראַטעוועט אַכצן ישיבה בחורים, צווישן זיי, גאון ישראל וקדושו רבי יעקב ישראל קאַניעווסקי זצ"ל! (וועלכער איז געווען איינער פון די אַכצן בחורים).

זעהט מען פון דעם, וואָס עס מיינט איין-איינציגע פּעולה וואָס אַ איד טוט. מיט אַ קלייניגקייט, ווי אַז מ'זאָגט יענעם אַ גוט וואָרט, קען מען איהם ראַטעווען דאָס לעבן.

הגאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, סלוצקער רב און ראש ישיבה פון ישיבת עץ חיים אין ירושלים (יומא דהילולא, י' כסלו), פלעגט מחזק זיין אידן, בפרט זיינע תלמידים, מיט גוטע ווערטער און אַנדערע טובות. האָט ער אַמאָהל געזאָגט, אַז ער האָט עס געפילט אויף זיין אייגענעם קערפּער.

און רבי איסר זלמן האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אַן אָרימער בחור פון מיר ווען ער איז געקומען לערנען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. ער איז געווען ביי זיך שטאַרק צובראָכן, טראָץ זיין עילוי'אישקייט. איינמאָהל האָט הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל אב"ד ירושלים) מיט וועמען ער איז געשלאָפן אין איין צימער), געזאָגט פאַר רבי איסר זלמן:

- דו ווייסט, דער ראש ישיבה האָט היינט איבערגעזאָגט אַ חידוש אין דיין נאָמען!

**דער כח פון באַגלייטן**

**דער** רא"ש און דער חזקוני שרייבן פייערדיגע ווערטער אויף דעם פסוק (כט, לב) "על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה". וואס איז דער טייטש פון דער על כן, נאר ווייל יעקב אבינו ע"ה האָט געהאַט עלף קינדער גיבורים, און ווייל זיי האָבן איהם נישט באַגלייט, האָט פּאַסירט די מעשה מיט'ן שר של עשו. לערנט מען פון דעם וואָס עס פּאַסירט ח"ו אויב מען באַגלייט נישט אַ איד ווען ער גייט אויפ'ן וועג[יב].

**הצילני נא - דער כח פון תפלה**

**די** ספה"ק שרייבן אויפ'ן פסוק (לב, ו) ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה. פאַרוואָס האָט יעקב אָנגעהויבן מיט שור, אַ חיה טהורה, און דאַן חמור - אַ חיה טמאה, און דערנאָך נאָך אַמאָהל "צאן", אַ טהור'ע חיה?

**נאָר** יעקב אבינו האָט מורא געהאַט אָנצוהייבן מיט "צאן", ווייל ער איז דאָך געווען באַדעקט מיט "עורות גדיי העזים", ווען ער האָט באַקומען די ברכות פון זיין פאָטער, יצחק. דערפאַר האָט ער נישט געוואָלט אָנהייבן מיט "צאן".

**אויב** אַזוי איז שווער, פאַרוואָס ווען יעקב האָט געשיקט די מתנות צו עשו, האָט ער יאָ צוערשט געשיקט פון זיינע שאָף, ווי דער פסוק זאָגט (לב, טו) "עזים מאתים" וגו'? איז דער תירוץ, ווייל דאָ ווען ער האָט גערעדט צו די מלאכים וואָס

---

האָט רבי איסר זלמן געזאָגט, "דעמאָלס האָב איך געשפירט אַז ער האָט מיר ממש משנה געווען מיין גאַנץ לעבן, און דעמאָלס האָב איך זיך אויסגעלערנט וואָס עס מיינט צו זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אַ צווייטן איד.

מען דערציילט, אַז אַמאָהל אינמיטן אַ שיעור, האָט אַ תלמיד געזאָגט פאַר רבי איסר זלמן ז"ל אַ חידוש, און רבי איסר זלמן האָט באַפוילן גלייך אינמיטן שיעור, צו ברענגען משקה, לכבוד דעם דאָזיגן חידוש פון זיין תלמיד... יאָהרן שפּעטער, האָט דער בחור דערציילט, אַז ער האָט שפּעטער געלערנט אַ האַלב יאָהר בהתמדה רבה, פון דעם וואָס רבי איסר זלמן האָט איהם דעמאָלס אַזוי אויפגעהויבן דורך הייסן טיילן משקה לכבוד דעם "חידוש", וואָס דער תלמיד האָט דאָ געזאָגט...

ענליך האָט דערציילט זיין תלמיד, הגאון רבי חיים ברים זצ"ל, אַז רבי איסר זלמן פלעגט שרייבן המלצות פאַר מענטשן. אַמאָהל האָט ער אָנגעשריבן 20 המלצות ברציפות, האָט די רעביצין געפרעגט רבי איסר זלמן'ען:

- פאַרוואָס דאַרפסטו זיך אַזוי פלאָגן מיט'ן שרייבן המלצה-בריוו?! דו קענסט דאָך טוהן וואָס אַלע אַנדערע רבנים טוהען, זיי שרייבן איין המלצה, און מאַכן קאָפּיעס דערפון, און מ'שרייבט שפּעטער אַריין דעם נאָמען פונעם נצרך...

האָט רבי איסר זלמן געענטפערט:

- צו מיינסטו אַז איך וועל באַקומען שכר אין עולם הבא פאַר'ן שרייבן דעם ספר "אבן האזל"? דאָס וואָס איך מאַטער זיך פאַר אידן, דאָס וועט מיר ברענגען עולם הבא!

**יב.** דער רא"ש שרייבט בזה הלשון: על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה, פירוש על שהניחוהו לילך יחיד, ונכשל בדבריו, והפסידו אותו מאכל טוב לדור דורים להיות להם למזכרת עון. וויבאלד די קינדער האבן איהם אליין געלאזט אריבערגיין, האבן זיי פארלוירן א גוטע מאכל לדור דורים, מען זאל שטענדיג געדענקן דעם דאזיגן זינד.

דער לשון פון חזקוני איז ווי פאלגענד: כלומר, בדין הוא שיש לקנוס ולענוש בני ישראל מאכילת גיד הנשה, שהניחו את אביהם הולך יחידי כדכתיב (לעיל כט, כה) ויותר יעקב לבדו, והן היו גיבורים, והיה להם להמתין אביהם ולסייעו אם יצטרך, והם לא עשו לו לויה והוזק על ידם ומכאן ואילך יהיה להם לזכר ויהיו זריזים במצות לויה, ולכן ליוה יעקב את יוסף.

זיי זאָלן זאָגן פאַר עשו, האָט ער געהאַלטן פאַר'ן מתפלל זיין, דערפאַר האָט ער מורא געהאַט צוליב דעם וואָס ער האָט זיך צוגעדעקט מיט די "עורות גדיי העזים", אָבער שפּעטער, ווען ער האָט געשיקט די מתנות, האָט ער שוין אינצווישן מתפלל געווען, "הצילני נא מיד אחי מיד עשו" וגו'. נאָכ'ן דאַווענען, האָט יעקב מער נישט מורא געהאַט.

**אַזוי** שרייבט דער שלה"ק (תורה שבכתב) אויפ'ן פסוק הצילני נא מיד אחי מיד עשו וגו'. לכאורה איז שווער, מיר ווייסן דאך אַז יעקב'ס ברודער האָט געהייסן עשו, טאָ פאַרוואָס האָט יעקב געזאָגט אַ דאָפּעלט לשון, "מיד אחי, מיד עשו"?

**שרייבט** דער שלה"ק, אַז מען דאַרף בעטן מיט אַ קלאָר לשון, ווי דער מדרש זאָגט (אסת"ר פ"ז), אַז אַ מענטש איז געגאַנגען אויפ'ן וועג, און ער איז געווען פאַרמאַטערט. האָט ער געבעטן דעם באַשעפער ער זאָל איהם צושיקן אַן אייזעל. איז דאָרט פאַרביי געגאַנגען אַ שר וואָס זיין אייזעל האָט געבוירן אַ קינד, און דער קליינער אייזעל האָט נישט געהאַט קיין כח צו גיין אויפ'ן וועג, האָט דער שר געצוואונגען דעם איד ער זאָל טראָגן דעם קליינעם אייזעל.

**דערציילט** דער מדרש, אַז דער איד איז געגאַנגען און געוויינט. האָט אליהו הנביא איהם באַגעגענט און איהם געזאָגט:

- וואָס וויינסטו? דו האָסט דאָך אַליין געברענגט אויף זיך דאָס שלעכטע, ווייל דו האָסט געבעטן אַן אייזעל, האָסטו באַקומען אַן אייזעל... אויב דו וואָלסט געבעטן קלאָר אַז דו דאַרפסט האָבן אַן אייזעל צו רייטן אויף איהם, וואָלסטו באַקומען אַן אייזעל צו רייטן אויף איהר[יג]...

**וועגן** דעם האָט יעקב קלאָר איבערגעזאָגט "מיד אחי, מיד עשו", ווייל ביים דאַווענען, דאַרף מען אַרויסזאָגן קלאָרע ווערטער. דער רבונו של עולם וואַרט אַז מען זאָל מתפלל זיין צו איהם, נאָר ליידער לאָזט דער יצה"ר נישט דאַווענען, ווי מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט בשם דעם פון "שפת אמת" (ויצא) אויפ'ן פסוק (בראשית כט, ב) "והאבן גדולה על פי הבאר", אַז דער יצה"ר וואָס ווערט אָנגערופן "אבן" (סוכה נב.) איז זייער גרויס, און ער לאָזט נישט "על פי הבאר", מען זאָל דאַווענען און לערנען מיט'ן מויל.

### ויאבק איש עמו – די עבודה פון א איד איז זיך צו ראנגלען

**הרה"ק** רבי לייבעלע איגר זצ"ל האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (לב, כט) "לא יעקב יאמר עוד שמך, כי אם ישראל יהיה שמך, כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל", דיין נאמען וועט מער נישט זיין יעקב, נאר ישראל וועט זיין דיין נאמען, ווייל דו האסט זיך געראנגעלט מיט מלאכים און מענטשען און זיי בייגעקומען. איז שווער ווייל דער עיקר סיבה פון טוישען זיין נאמען איז פאַר דעם ווייל "ותוכל" - דו ביזט בייגעקומען לבן און עשו, און אויך דעם שר של עשו, אויב אזוי האָט ער געדאַרפט הייסן "מיכול", און דאָס גלייכן, עפּעס ענליך צו ותוכל. איז דער תירוץ, "ותוכל" איז געווען מיט'ן כח פון דעם אויבערשטען, אָבער דער מענטש'ס ארבעט איז צו האַלטן מלחמה מיט'ן יצר הרע, און אויף דעם ווערט ער אָנגערופן "ישראל" - ווייל ער האָט געקעמפט: "כי שרית" (עי' תורת אמת פ' תשא, שיסתר).

**אַזוי** האָט געטייטשט הגאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל פון ווילנע, אויפ'ן פסוק (לב, לג) "על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה". לכאורה וואָס וויל דער פסוק זאָגן מיט די ווערטער "על כן"? נאָר די תורה וויל אונז לערנען, מיר זאָלן געדענקען, אַז דער גאַנצער איד איז נאָר "ויאבק איש עמו", זיך ראנגלען מיט'ן יצר.

---

**יג.** די סלאָנימער רבי'ס פלעגן זאָגן אויף דעם מדרש, אַז פון דאָ זעהט מען אַז מען דאַרף אויף אַלעם בעטן קלאָר, ווייל אַ קינד רעדט קלאָרע ווערטער צו זיין טאַטן: "טאַטע, איך דאַרף געלט!", וכדומה.

**דער** גערער רבי, בעל "בית ישראל" זצ"ל פלעגט זאָגן אויף פּרשת וישלח, אַז דאָס איז אַ שבת פון "אַרבייטן". "ויאבק איש עמו עד עלות השחר", וואָס די חז"ל דרש'ענען אויף דעם "העלו אבק עד כסא הכבוד", עס האט געשטויבט ביזן כסא הכבוד. ווען מ'קעמפט מיט'ן שר של עשו, וואָס ער איז דער יצר הרע, דערגרייכט די מלחמה ביז'ן כסא הכבוד[יד].

## עבודה שבלב - מ'דאַרף רייניגן דאָס האַרץ

**אויפ'ן** פּסוק (לה, ב) "הסירו את אלהי הנכר אשר בתוככם", טוט אָפּ די אָפּגעטער פון צווישן אייך, פרעגט דער "כלי יקר", לכאורה וואָלט געדאַרפט שטיין "אשר בידכם", פון אייער הענט (באזיץ), ווי דער פּסוק זאָגט ווייטער (לה, ד) "ויתנו אל יעקב את כל אלהי הנכר אשר בידם". איז דער תירוץ, אַז יעקב אבינו האָט געמיינט צו זאָגן, זיי זאָלן רייניגן דאָס האַרץ פונעם יצר הרע וואָס ווערט אָנגערופן "אלהי הנכר אשר בתוככם", ווי די גמרא זאָגט (שבת קה:) אויפ'ן פּסוק (תהלים פא, י) "לא יהיה בך אל זר", איזה אל זר שבתוך גופו של אדם, הוי אומר זה יצר הרע. וועגן דעם האָט יעקב זיי געהייסן קודם היטן זיך פון אַ הרהור חטא וואָס קומט פונעם יצר הרע, און דאָס איז די כוונה פון די ווערטער "אשר בתוככם".

## די הילולא פונעם "בת עין" זצ"ל

**היינטיגע** וואָך (י"ב כסלו) פאַלט אוים די יאָהרצייט פון הרה"ק רבי אברהם דוב זצ"ל פון אווריטש, בעמח"ס "בית עין"[טו]. עד היום זעהט מען נאָך דעם בית המדרש פונעם אווריטשער, און עס איז דארט אויפגעשריבען "מה נורא המקום הזה אשר חזה את הרעש הגדול" (ווי פארכטיג איז דער הייליג ארט וואס האט בייגעקומען די גרויסע ערדציטערניש). די ערד ציטערניש וואָס האָט פּאַסירט אין צפת ביי חזרת הש"ץ פון די שמונה עשרה ביי מנחה. עס זענען דאַן געוועזן קרוב צו 1,000 הרוגים רח"ל, אבער

---

**יד.** אַזוי האָבן צדיקים אויך געטייטשט "קוצו של יו"ד", אַ איד איז דער וואָס איז גרייט אַריינצושטעכן אַביסל אין זיך, ווייל פון דעם איז אַ סימן אַז דער מענטש "לעבט".

הגאון רבי מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל פון נייטרא, האָט ליידער פאַרלוירן פינף קינדער רח"ל אין די ביטערע מלחמה. נאָך די מלחמה זענען ביי איהם געבוירן געוואָרן אַנדערע פינף קינדער. ביים ברית פונעם פינפטן קינד, האָט רבי מיכאל בער געזאָגט:

- נקדש את שמך בעולם, כשם שמקדישים אותך בשמי מרום. אויב די פינף קינדער אויף דער וועלט וועלן זיין הייליג, וועלן זיי זיין פּונקט ווי די ערשטע פינף קינדער, די קדושים אויבן אין הימל.

דער לימוד דערפון: אַ איד דאַרף נישט זיין אַ "קדוש הי"ד" ח"ו, ער קען זיין אַ "קדוש שליט"א"...

**טו.** הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט אַמאָהל געזאָגט וועגן דעם כח פון אַ יאָהרצייט פון אַ צדיק, ווייל דער צדיק האָט דאָך אַ גרויסן כח, און מכל שכן אחר הסתלקותו, ווי די חז"ל זאָגן (חולין ז:) "גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן", צדיקים זענען נאָך גרעסער נאָך זייער הסתלקות, ווי בשעת זיי לעבן. די זאַך איז אָבער, אַז ווען דער צדיק גייט אַרויף אויפ'ן עולם העליון, זעהט ער נאָר גוטס (ווי די מעשה פונעם רבי'ן ר' בער, דער מגיד פון מעזריטש זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר'ן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע (מובא בספה"ק בינת משה, לחנוכה), אַז נאָר אויף די וועלט קען מען מבטל זיין אַ גזירה, ווייל דאָ זעהט מען נישט דאָס גוטע דערפון, אָבער אויפ'ן עולם העליון זעהט מען אַז די גזירה איז לטובה), אָבער ביומא דהילולא קומט דאָך דער צדיק אַראָפּ אויף זיין קבר, איז ער דאָך אויף די וועלט, און דאָ אויף די וועלט זעהט מען נישט דאָס גוטע דערפון, ווערט עס אַ בחינה פון "אחיד בשמיא וארעא", און דערפאַר קען מען בעטן דעם צדיק ער זאָל מתפלל זיין, עכדה"ק.

אויך האָט דער בעלזער רב געזאָגט: "הילולא" איז מלשון חתונה, וואו מ'גיט דרשה געשאַנק. דער צדיק טיילט ביומא דהילולא דורון דרשה, ישועות מיט השפעות טובות פאַר אידישע קינד.

דער בת עין זי"ע האט צוגערופען אלע מתפללים לעבן איהם, און נאר די צווייטע זייט ביהמ"ד איז איינגעפאלען, און אלע האבן עס איבערגעלעבט.

**עס** איז דאָ אַ בריוו וואָס דער "בת עין" האָט געשריבן צום הייליגן רוזינער זי"ע, וואו ער בעהט צו גרינדן אַ קרן לטובת די אלמנות און יתומים, שרייבט ער אַז עס זענען געווען קרוב צו 1,000 הרוגים רח"ל. די לעבעדיגע האָבן אויך געדאַרפט רחמים.

**ווען** עס האָט פּאַסירט די ערד ציטערניש, האָבן די אַרומיגע מענטשן אָנגעהויבן אַנטלויפן. האָט דער "בת עין" זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים, און געזאָגט אַז קיינער זאָל נישט אַרויסלויפן, נאָר מ'זאָל זיך אַוועקשטעלן נאָנט צו איהם. (עד היום זעהט מען אַ האַלבן דאַך פון ביהמ"ד. די דאָזיגע העלפט איז געשטאַנען אויף די לופט, אויף צוויי עמודים).

ווען מ'האָט געפרעגט דעם "בת עין", פאַרוואָס ער האָט געמאַכט "פישוט ידים ורגלים", האָט ער געענטפערט, אַז ווען ער האָט געזעהן אַז אַלעס איז געפלויגן שיעף, נישט גלייך, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער ס"ם שטופּט דאָרט, און דערפאַר פליהט עס נישט גלייך, טאָ אין אַזאַ מצב דאַרף מען זיך מבטל זיין אינגאַנצן מבטל זיין, מיט התבטלות קען מען בטל מאַכן אַלע גזירות[טו].

**אַזוי** ברענגט הרה"ק מטאהש זצ"ל אין ספר "עבודת עבודה", אַז ער ווייסט פון אַ משפחה אין ארץ ישראל וואָס האָבן זיך געניטיגט אין אַ גרויסע ישועה, האָבן זיי געפּראַוועט אַ סעודה לכבוד די הילולא פונעם "בת עין", און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן[יז].

**לכתחילה** האָט דער "בת עין" זיך געוואָלט באַזעצן אין ירושלים עיה"ק, נאָר ער איז געבליבן וואוינען אין צפת, ווייל ער האָט

**טז.** אַזוי געפינט מען אין דער גמרא (קידושין כ"ט) אז רב אחא בר יעקב איז אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז (אין בית המדרש פון אביי) וואו עס האָבן זיך געפונען מזיקין רח"ל, וואָס אַפילו בייטאָג, און אַפילו אויב עס זענען געווען צוויי מענטשן דאָרט, זענען זיי אויך ניזוק געוואָרן רח"ל (כאָטש געוועהנליך זענען נישטאָ מזיקין בייטאָג, און אויך ווערן צוויי מענטשן נישט געשעדיגט). דער מזיק האָט אויסגעזעהן פאַר רב אחא בר יעקב ווי אַ שלאַנג מיט זיבן קעפּ, און יעדעס מאָהל וואָס רב אחא בר יעקב האָט זיך געבוקט ("כל כריעה דכרע"), איז אָפּגעשניטן געוואָרן איין קאָפּ פונעם מזיק. זעהט מען פון דעם אַז ווען ער האָט זיך געבוקט, וואָס איז אַן ענין פון התבטלות, איז יעדער פון די זיבן קעפּ פונעם שלאַנג אָפּגעהאַקט געוואָרן.

**יז.** אין דער ישיבה "בית אברהם" סלונים אין ירושלים, איז דאָ אַ קרן פון געלט פאַר סעודות לכבוד די הילולא פונעם "בת עין". ומעשה שהיה כך היה: אין צפת האָט געוואוינט אַ איד מיט'ן נאָמען ר' שלמה גראָס ז"ל. דער דאָזיגער ר' שלמה איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן ל"ע, ער האָט קוים געהאַט אויף ברויט צו עסן (ער האָט געאַרבעט מיט נאַפט).

אַמאָהל, אין די יומא דהילולא פונעם "בת עין", איז ער געגאַנגען צום ציון הק' פונעם "בת עין", און זיך שטאַרק אויסגעוויינט דאָס האַרץ ביים זאָגן תהלים. אַ נאַכט שפּעטער, האָט ער געזעהן אין חלום דעם "בת עין", וועלכער האָט איהם געזאָגט:

- זייער גוט האָסטו געטוהן אַז דו ביזט געקומען דאַווענען אויף מיין ציון (עס ווערט געברענגט אין די פוסקים: "שהמתים מתאוים שיבואו להתפלל על קברם"), אָבער פאַרוואָס האָסטו נישט געמאַכט עפּעס אַ סעודה'לע פאַר מיין נשמה?!

ווען ר' שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער צוזאַמענגענומען די איבערבלייבענישן פון ברויט וואָס ער האָט (נישט) געהאַט אין שטוב, און געפּראַוועט אַ סעודה פאַר צעהן מענטשן, לכבוד די הילולא פון דעם "בת עין".

געהערט הושענא רבה ווי אַ פרוי זאָגט צו איר זוהן: "ירחמיאל, נעם אַראָפּ די מחצלאות פונעם דאַך, ווייל מאָרגן (שמיני עצרת) וועט מען מתפלל זיין אויף "גשם", און עס וועט רעגענען וועט עס קליא ווערן...". הערנדיג די דאָזיגע ווערטער פון אַ אידענע, ווי זי גלייבט אַזוי אינעם כח התפלה, אַז וויבאַלד מען וועט צומאָרגענס בעטן אויף רעגן וועט אַראָפּקומען רעגן, האָט דעת "בת עין", געזאָגט, אַז ער וויל וואוינען אין אַזאַ שטאָט וואו די מענטשן האָבן אַזאַ שטאַרקע אמונה.

**מיר** האָבן שוין דערציילט, דער "בת עין" פלעגט נישט אַרויסגיין פון זיין הויז, און אַוודאי נישט אויף קיין לוויות. אַמאָהל האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם, און איז נאָכגעגאַנגען אַ נפטר ביז נאָך סתימת הגולל, כאָטש עס האָט געהייסן אין שטאָט אַז יענער איז געווען אַ גאָר פשוט'ער איד. ביי די לוי', איז דער "בת עין" געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין זיינע הייליגע מחשבות.

**אינמיטן** די טהרה, האָט די חברה קדישא געשיקט פרעגן די אלמנה, פאַרוואָס זענען די פיס פון איר מאַן דעם נפטר שוואַרץ פון אויבן? האָט זי געענטפערט, אַז "דאָס איז אַן אַלטע מעשה", און זי האָט דערציילט, אַז נאָך די חתונה פלעגט ער אַרומפאָרן פעדלען ווי אַ רוכל, פאַרקויפענדיג מיני סדקית. אַמאָהל איז ער געווען אין אַן אַראַביש דאָרף, וואו די טאָכטער פונעם שעיך, אַ מטרוניתא, האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט איהם... בלית ברירה האָט דער שעיך געמוטשעט דעם איד ער זאָל חתונה האָבן מיט איר. און מ'האָט ל"ע קובע געווען די חתונה אויף יענע נאַכט.

**אַריינקומענדיג** אין זאַל, האָט דער איד באַמערקט אַ גרויסן פאַס פון קוילן אינמיטן זאַל, און אַזוי ווי דער "חתן" האָט דאָ געזעהן אַז דער גיהנום איז פאַר איהם אָפען פון אַלע זייטן רח"ל, איז ער אַריינגעשפרונגען אין דעם קאָכעדיגן פאַס פון קוילן, און זיינע פיס זענען אָפּגעברענט געוואָרן...

**ווען** די אָנוועזענדע אַראַבער האָבן געזעהן וואָס פאַראַ "משוגע'נער" ער איז, האָבן זיי איהם פאַרטריבן פון דאָרט...

**שפּעטער** האָט דער "בת עין" געזאָגט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען צו די לוי' פון יענעם איד, ווייל ער האָט געזעהן אַן "עמודא דנורא" העכער די מטה[יח]!

נאָך די סעודה האָט ר' שלמה געקויפט אַ לאָטאָ, און געוואונען דעם לאָטאָ! דאַן האָט ער מפריש געווען אַ גרויסן סכום, צו פראַווען אַ סעודת הילולא פונעם "בת עין" יעדעס יאָהר, און געגרינדעט אַ קרן, וואָס איז מיוסד נאָר פאַר'ן דאָזיגן צוועק, צו פראַווען יעדעס יאָהר די יאָהרצייט פון בת עין, דורך מאַכן אַ סעודת הילולא.

**יח.** די חז"ל זאָגן אַז אַן עמודא דנורא גייט באַגלייט נאָר איינעם אָדער צוויי מענטשן אין דור, און די ראשונים שרייבן, אַז דער עמודא דנורא איז צו וואָרענען אַז קיינער זאָל נישט אָנרירן די מטה, מרוב קדושת הצדיק.

היינטיגע צייטן הערט מען אַמאָהל אויסרופן ביי אַ לוי' רח"ל אַז ווער עס האָט זיך נישט גע'טובל'ט אין מקוה, זאָל נישט אָנרירן די מטה... אין יענעם פאַל פון דעם איד אין צפת, האָט דער "עמודא דנורא" פון הימל אויסגערופן, אַז דער וואָס האָט זיך נישט גע'טובל'ט אין פייער פון די קדושה, זאָל נישט אָנרירן די מטה...

דער "גשר החיים" ברענגט (פרק ל'), אַז אַמאָהל ביי יציאת נשמה פון אַ פשוט'ן מענטש האָבן די אַרומיגע געוויינט. "היה שם חכם אחד", איז דאָרט געווען אַ קלוגער מענטש, וואָס האָט געפרעגט פאַרוואָס מען וויינט. האָט מען איהם געענטפערט, עס גייט דאָך זיין יציאת נשמה! האָט דער חכם געזאָגט:

- וואָס וויינט מען אַזוי? דער מענטש איז דאָך יעדן טאָג געשטאָרבן, יעדער טאָג איז ביי איהם געווען אַ געשטאָרבענער טאָג. יעצט גייט ער נאָר שטאַרבן איין מאָהל און פאַרטיג!

בס"ד

# חדש!

**חנוכה**

חנוכה

שבת חנוכה

זאת חנוכה

**ענינים שונים**

באר האמונה

באר התפילה

באר החסד

באר התורה

באר היראה

נערך ונלקט

מתוך תוכן

דברי שיחותיו של

מורינו הגה"צ

**רבי אברהם אלימלך**

**בידרמן שליט"א**




**הפצה:**

אר"י: 1800-22-55-66

אירופה: 44-(0)-191-430-0333

ארה"ב: (718) 437-0054

**ניתן להשיג בכל חנויות הספרים**